# ניגון "יוסף מוקיר שבת" באידיש

הערט א מעשה ליבע אידן,
אין גמרא שטייט געשריבן,
און געוויס איר אלע פון דעם וויסן,

געוועין א איד וואס האט געליטן,
א יודינע מיט קינדער זיבן
יוסף מוקיר שבת האט ער געהייסן,

א גרויסער ארימאן,
די הייזל ווי א שפאן,
הארט ביי דעם ים,
פון ארעמקייט מן הסתם,

א גאנצע וואך, אין יאך כסדר,
אפארשמירטער און אנאסער,
און נישט אויס געגעבן קיין איין גראשן,

געטראגן האט ער אלטע קליידער,
און געגעסן ברויט מיט וואסער,
און די געלד האט ער איבערגעלאזן,

די קינדערלאך די פרוי,
צופרידן געוועין אזוי,
אין הויז איז טאקע פוסט,
אבער אלע האבן שוין געוואוסט,

---

**אז דאנערשטיג פארטאג,**
**פלעגט ער געבן צו די יודינע א זאג,**
**שנעלער בעלבאסטע קרוין,**
**נעם דעם קוישל שוין,**
**נא דיר די גאנצע געלט,**
**און קויף אלץ וואס דיר געפעלט,**

**די בעסטע פיש,**
**זאל זיין גרויס און פעט און פריש,**
**די בעסטע פלייש און וויין,**
**ווי טייער זאל נישט זיין,**
**און פרוכטן זייער פיל,**
**זאל זיין אלץ וואס מען וויל,**

און די אידינע איז אוועק,
גענומען ברענגען גאנצע פעק
אגאנצע נאכט,
קיין אויג נישט צוגעמאכט,

און געבאקט און געקאכט,
א גרויסן לעקאך א גרויסן טארט,
און געקאכט און געבאקט,
אז ס'האט אין אויבן נאש געקנאקט,

**און פרייטיג ביי נאכט,**
**דריי אורחים האט ר' יוסף געבראכט**
**און הויז איז ליכטיג אין שיין,**
**ווי אין גן עדן אליין,**
**און פון אויבן אן,**
**ווי א קעניג אויף זיין טראן,**

זיצט רבי יוסף אליין,
און זינגט זיך זמירות מלא חן,
אשת חיל מי ימצא,
אזוי ווי דער שבת איז נישטא

---

און א ביסל ווייטער דארטן,
פונק'ט אנטקעגן יוסף'ס הייזל
געשטאנען איז א פאלאץ א פארמאכטער,
און ארום א שיינער גארטן,
מיט א פלויט פון שטאל אין אייזן
און א טויער שטענדיג א פערשפארטער

געוואוינט האט דארט א הער,
א גרויסער מיליאנער,
א גרויסער באנדיט,
האט פיינט געהאט א איד,

וויפל געלד ער האט געטאן פארמאגן,
האט ער אויך פארמאגט פיל יאהרן,
אפשר שוין די אכציג יאהר אריבער
די פרוי און קינדער פלעגט ער זאגן,
זענען וואו אוועק געפארן,
און אליין געלאזט האט מען איהם איבער,

אין קארג איז ער געווען,
קיין ארעמאן נישט געוואלט זעהן,
געלעבט גאנץ אליין,
פונקט אזוי ווי א שטיין,

**געדויערט נישט לאנג,**
**און דער גוי ווערט זייער קראנק,**
**און אינמיטן די נאכט,**
**א דוקטור האט מען געבראכט,**
**וואס אויף די שטערן זעט,**
**און ווייסט אלץ וואס זיין וועט,**

**און ער האט אים גזאגט,**
**אז אלץ וואס ער פארמאגט,**
**וועט ירשענען אט דער איד,**
**וואס דעם שבת היט,**

דער גוי האט עס דערהערט,
איז אים געווארן זייער שלעכט
ער האט א קונה געבראכט,
און אלץ פארקויפט אינמיטן נאכט,
און געקויפט פאר די געלד,
א ברילאנט פון די גרעסטע אין דער וועלט,
זיין הוט איבער געדרייט,
און דעם ברילאנט אריין גענייט,

---

האט דער גוי אזוי געשפאנט,
אויף בארג אין טאהל ארויף אראפ
און איז פון מענטשן אנטלופן,
ער האט  זיין הוט מיט דעם ברילאנט,
קיינמאהל נישט אוסגעטוהן פון קאפ,
און איז מיט דעם אפילו געשלאפען,

איינמאל איז ער אוועק,
געקומען צו אפרעמדן ברעג,
אן אייזענער בריק,
מ'קען שוין נישט גיין צוריק,

און ווי ער איז ארויף געגאנגען
אויפן בריק ארויף געקראכן
גענומען האט א רעגן צו גיסן,
עס האט בליצן אנגעפאנגען,
און א שטורעם אויסגעבראכן,
 דעם הוט פונעם קאפ אראפ געריסן,

געכאפט האט עס דער ווינט,
און ים אריין געשמיצט געשווינד,
אין דער גוי איז פון קלעם,
אריין געשפרינגען כאפן עס,

**געקומען איז א פיש,**
**גגעבען דעם וואסער א מיש,**
**פארשלונגען דעם היט אין בויך,**
**און ארויפגעשוואומען אין דער הויך,**
**פישער האבן איהם דער טאפט,**
**און אין נעץ אריין געכאפט,**

**און פרייטיג פאר נאכט,**
**האט מען דעם פיש אויפן ברעג געבראכט,**
**מען זוכט ארום דארט און דא**
**קיין קונה איז נישטא,**
**הייסט מען זיי צו גיין**
**צו יוסף מוקיר שבת אליין,**

זאגט ר' יוסף איי ס'איז שאד
מיין יודינע קיין כח שוין נישט האט,
זאגט די יודינע זאג נישט אפ
איך האב נאך א ליידיגן טאפ,

ער האט צושניטן דעם בויך
אין זי האט גענומען שרייען הויך

## א בריליאנט, א בריליאנט

עס גייט נישט אריין אין האנט,
א בריליאנט א בריליאנט
ר' יוסף גיט א בליק
א בריליאנט א בריליאנט
אבער צום שבת קומט עס נישט

**האט געזאגט א יוד**
**אז די גאנצע מעשה איז קיין חדוש נישט**
**וואס אוף שבת מ' פאר ווענט**
**קריגט מען צוריק מיט פראצענט**